די דאזיגע פאעמא איז צום ערשטן מאל פֿארגעלעזן געווארן אין ווארשע 1919 אויף א צייטונג פון לעבעדיגן ווארט — „לעבענס־פֿראגען‟. נאכדעם ויינען פֿראגמענטן פֿון איר ערשינען אין „ארבייטער־לוח‟ און „לעבענס־פֿראגען‟ 1920, אונטערן נאמען צען־מיליאן‟. שפּע־טער, האב איך עס פֿולשטענדיג ניי בעארבייט און פֿארגרעסערט ביז זי האט בעקומען די איצטיגע פֿארם. עס איז א מוזיקאלישע הזכרה [רעק־וויעם] אין פֿיר זאצן געווידמעט די צען מיליאן געפֿאלענע אין דער וועלט מלחמה. איך וואלט וויער געבעטן די אלע דעקלאמאטארן און פֿארלע־זער, וואס האבן ביז איצט גערעדט דעם אלטן טעקסט, זיך אויסשלים־ליך צו בענוצן מיט׳ן נייען.

בערלין, 14־טען יולי 1922

דער מחבר

## רעקוויעם

ווייטער זון אונטערגאנג,
נעפלען לייגן זיך אויס,
ווי אַ בלוטיגער שוויים
אויף דער טונקעלער ערד.
אָוועגד קלאַנג.
באַנגער גלאָקן גלין גראָן,
פֿון די ווייטקייטן, הערט,
קומט עס טרויעריג אָן,
ווי אַ כוואַליע געוויין,
ווי אַ קלאָג פֿון אַ שטאָט,
טאָן נאָך טאָן, טאָן נאָך טאָן,
יאָגט זיך אָן און פאַרגייט
און באַגלייט פֿון דעם קלאַנג.
אויפֿ׳ן נעפּליגן פּאָן
גייען לאַנג,
גייען באַנג,
גייען שטום,
צען מיליאָן.
איינער נאָכ׳ן צווייטן,
איינער נאָכ׳ן צווייטן,
אַ גראָע לויה פֿון טויטע...
די בלייכע געזיכטער
דאַרהויבן אַרויף,
די ליפּן פֿאַרמאַכט,
די אויגן שטאַר־אָפֿן,
גלייך בלינדע, וואָס ווייזן
דער וועלט זייער נאַכט,
גלייך טרוימענדע וואַנדלער
אין שלאָפֿן.
שטיל גייען זיי, גייען זיי,
לאַנגזאַמען טראָט
דעם איינזאַמען וועג
צו דעם גרויזאַמען גאָט
און צייכנען די וואָלקן
מיט בלוטיגן שפּור,
און וויקלען אין טויט שרעק

די גאַנצע נאַטור.
אונענדליך, אונענדליך...
אַריי נאָך אַריי...
אָ ציילט זיי! אָ ציילט זיי!
איין טויזענד און צוויי,
פינף טויזענט,
צען טויזענט,
הונדערט טויזענט.
געזיבטער...
געשטאַלטן...
חלומות...
מיליאָנען...
שונאים און פריינט,
אַלע פאַראיינט,
שטומע געפירט
פון דער זעלביגער האַנט.
אַלע צוגלייך
קערנער פון זאַנד,
שאָטן פון טויט
אינם טונקעלן לאַנד.

אָט שלייכט פאַר איך פאַרביי.
אַ לוסטיגער פּראַנצויז,
אָ שטילער, שווייגט,
ער איז שוין איצט ניט לוסטיג...
ווי פליטער נאָר
אַרום אַ טויטער רויז,
פאלן אַרום אים
די יונגע טרוימען זיינע:
אַ לעצטער זונען-גלאַנץ
נאָך גוססט אין זיין בליק,
און ס'זינגען ארום אים
פאַריזשער העלע גאַסן;
עס לאַכט דער קאַרנעוואַל
עס יובלט די מוזיק
און ס'וויגן זיך אין טאַנץ,





היים אויגיגע פראַנצויזינס;
אני אַלטער קאַשטאַן בליט...
אַ מיילכל גליט...
אַ צאַרטע ברוסט...
אַ בליק...
אין לאַנגע נעכט פול לוסט,
און לאַנגע טעג פון גליק...

און דאָרט אין נעפלען, זעט,
אַ רוס אַ הייכער טרעט:
די אויגן בייגקענדע
אין בלאָען רוים.
אין ווייטע ווייטקייטן
צעלייגן זיך די פעלדער,
אַ ווייס'נקע בעריאָזקע
פליסטערט, ווי אין טרוים;
אַ גייער וואַנדערט וואו
אויף ברייטע וועגן,
צווישען סאָסנעס גרינע
קלינגט אַ מאָנאַסטיר;
אַ פישער ליד צעוויגט זיך,
שוימט פון וואָלגאַס ברעגן;
און אונטער ווערבעס גראָע
אויף א שטיין געבויגן,
זיצט אַליאָנושקאַ
מיט טרויעריגע אויגן;
עס זינגט אַ דאָרפיש כאָר
אין ציט, און נאַכט, און מאָנט,
און ס'רוישט אנ'אַלטער וואַלד
ביים ברעג פון האָריזאָנט...

אָט שטייגט אַ דייטשער דאָרף
צווישען בערגער גרינע:
די דעכער רויטלען זיך,
אין רו פון מיטאָג שיין;
גלייך ווי אַ וועכטער בליקט

דער טורם פֿון דער קירכע,
אין מאַנטל איינגעהילט
פֿון גרינעםווילדן וויין;
און אויף די טרעפּ דאָרט שטייט
אַ שוועסטער צי אַ כּלה
און היט דעם בריטן וועג,
וואָס פֿירט אין דאָרף אַריין.
ווי אָרגלען דונערן
די כוואַליעס פֿונים נאָרד זעע;
ווי האַרפֿן ציטערן
די וועלן פֿונים רייהן;
ריטער שטאָלצע שטייגן
שטרייננ פֿון אַלטע שלעסער;
עלפֿן לייכטע פֿירן
בלאָע פֿרילינגס טענץ;
קינדער מעשה׳לעך
צעשיטן זיך אין קרענץ.
און פֿאַלן גלייך, ווי טויטע
בלומען אויף די ביימן,
אָ, זעט, און נאַכט פֿאַרגייט
איינער נאָכ׳ן צווייטן
פֿון דייטשען איינזאַמע
אַ טויט אונענדליך קייט...

אָט ציען פֿאַרביי אייך
אין פּעסקעס און טורבאַנען:
אינדיער, טערקן, נעגער און זואַוון,
אויף וויסטע הייסע זאַמדען
דאָרט קלאָגן וואו אויף זיי
שוואַרץ אויגיגע צולייקעס;
עס וואַרפֿן לאָטאָס קרענץ
אויפֿ׳ן גאַנגעס שטילע פֿרויען;
און ס׳גייען אוים ווי ליכט
אונטער די שווערע שלייערס
פֿאַרבייגקטע ווייבער וואו
אין איינזאַמע האַרעמען,





אין ס׳שלייכן טרויעריג
די אונגעטרייסטע מאַמעס
צווישן טונקעלע
און שטאַרע קיפּאַריסן...
אָ, וויפֿיל חופּות,
וואָלטן זיך אין לופֿט צעשפּרייט!
און וויפֿיל פֿעלדער וואָלט
דאָס לעבן נאָך פֿאַרזייט!
אָ וויפֿיל קינדער וואָלטן
נאָך געבוירן ווערן,
אייניקלעך, אוראייניקלעך,
און וויפֿיל וואָלטן נאָך
דער זון באַגריסט.
און גליקליכע צו איר
פֿאַרליבטע הענד געצויגן!
אויגען טויזענדע
וואָלטען איר גאָלד געזויגן
און נאָכדעם ביינקענדיג
אין אָווענט זייד געטרוימט,
און גאָט געזוכט ביים שיין
פֿון גרויסע, ווייטע שטערן
דאָרט אין די טיפֿע, בלאָע,
מזרח׳דיגע נעכט...

פֿון שטאָלצן אַלטן רוים,
פֿון נעפּעלדיגן לאָנדאָן,
פֿון בלומיגן יאַפּאַן,
פֿון דעלהי און באָמביי,
פֿון די סיבירער טייגעס,
אַראַבישע מדבריות —
עס קומט!
עס גייט!
עס נעמט קיין סוף ניט אָן!
אונענדליך ציען זיך
די צען מיליאָן!..
צען מיליאָן...

זיי שוועבן, זיי שוועבן,
איינער נאָכ'ן צווייטן,
אַטויטער נאָך אַטויטן,
אַטויטער נאָך אַטויטן,
ווי בלאַסליכע נעפּלען
אויף האַרבסטיגע פֿעלדער...
קיין קלאַנג,
און קיין טראָט,
און קיין שטים,
און קיין ריר,
נאָר פּנימער,
קעפּ,
און געשטאַלטן אָן שיעור...
און ס'בליקן די אויגן
ווי שרעקליכע ליכטער,
און מאָנען און ברענען...
אָ דעקט צו די טויטע!
פֿאַרהיינגט די געזיכטער!
מיר קענען נאָך נאָנטע
און ליבע דאַרקענען.
בעהאַלט זיי אין שוואַרצע
אין קילע ארונות —
דאָס זיינען מיליאָנען
פֿאַרגליווערטע מתים,
און לאָזט אָט די גרויסע,
די שוואַרצע לויה
דורכציען דער וועלט.
מחנות גראָע קראָען
וועלן זיך צעשפּרייטן
און איבער אונזערע קעפּ
דאָס ליד פֿון שלאַכט־פֿעלד קרעכצן,
די גייער וועלן כליפּען,
שאַקאַלן וועלן וויינען;
נאָר שטום ביי יעדן ארון
פֿון ביידע זייטן גיין
וועלן דעם טויטענס פֿריינט.





און נאָנטע און בעקאַנטע,
דעם גאַנצן ערד קוגל,
ווי שוואַרצע לאַנגע בענדער,
פֿאַרוויקלען וועלן זיי
די שורות פֿון ארונות.
און פּוסט וועט ווערן, וויסט
אין אַלע שטעדט און דערפֿער —
די גאַנצע מענשהייט
וועט דאַן נאָכגיין דער לויה,
ווייל יעדעם שטיבל האָט
אַטויטן אין דער רייע...

## II

אָ. ווען מען וואָלט געקאָנט
דאָס גאַנצע בלוט פֿאַרזאַמלען,
דאָס בלוט פֿון צען מיליאָן
אין איין פֿאַרשאָלטן ים,
און אויסבויען ביים ברעג
פֿון איינזאַמע מצבות
אַ שטילע, שטילע שטאָט
פֿון פֿינסטערע פּאַלאַצן,
און דאָרט אַריינזעצן
די אַלע קריגס פֿאַרברעכער,
די הענקער פֿון דער וועלט,
געזאַלבטע קינדער מערדער,
געוואוילטע פֿרויען שענדער,
וואָס האָבן פֿייערליך
אין פּורפּורנע געוועדער,
צוטראָגן האַס און מאָרד
אויף אַלע שטילע לענדער!
אָ, זאָלן זיי זיך דאָרט
אין דעם פֿאַרשאָלטן ים
טאָג טעגליך דריי מאָל באָדן!
אפשר וועט די שרעק,
די רויטע שרעק פֿון טויט
כאָטש איינמאָל זייער האַרץ
מיט קאַלטן אייז בעלאָדן.

Revenge

אָ, ווען מען וואָלט געקאָנט
צונויפקלייבן די קעפ
פֿון אַלע צען מיליאָן,
און אויסבויען פֿון זיי
אַ שווערליכן טעמפּל,
און דאָרט אַריינזעצן
די פּריסטער פֿון דער וועלט,
וואָס האָבן טויט געבעטן,
און יעדער שלאַכט געבענשט
און יעדן מאָרד געהייליגט,
און, שטייגענדיג צו־נאָט,
אויף לייבער פֿרום געטראָטן —
אָ, זאָלן זיי דאָרט שטיל
דעם גאָט פֿון שחיטות דינען
און קוקן טאָג ווי נאַכט
די שאַרבענס אין די לעכער!
אָ, אפשר וואָלט די שרעק,
די שוואַרצע שרעק פֿון טויט
כאָטש איינמאָל זיי אין האַרץ
מיט נעגל קאַלט געדרונגען.

אָ, ווען מען וואָלט געקאָנט
פֿאַראייניגן צוזאַמען
פֿון אַלע צען מיליאָן
דעם לעצטן וויי־געשריי,
דאָס קריצן פֿון די ציין,
דאָס יאָמערן און בעטן
פֿון די, וואָס ס׳האָט צעפֿליקט
דער גיהנום׳דיגער פֿלאַם;
פֿון גאַז גיפֿט דאַרשטיקט
און לעבעדיג פֿאַרשאָטן,
פֿון מענשן הענט צעהאַקט,
פֿון פֿערדן פֿיס צעטראָטן,
פֿון די, וואָס האָבן לאַנג
געזונקען אינ׳ם שליים,
ביז ס׳האָט די שוואַרצע ברײ





זיי קאַלט דאָס חאַלדז פֿאַרגאָסן,
און צוגעדעקט מיט שמוץ
דעם לעצטן גסיסה רוף!
וואָס פֿאַר אַשטורם ווינט
עס וואָלט דאַן אויסגעבראָכן!
וואָס פֿאַר אַ אוראַגאַן
וואָלט אויפֿגעשטאַנען דאַן!
עס וואָלט דעם הימל הויך
צעריסן גלייך ווי פּאַרמעט,
און אָבגעווישט פֿון דר׳ערד
די קרעציג אַלטע וועלט.

## III

די טויטע שטייען אויף
די גלאָקן שלאָגן שטורם.
דער אָווענט הימל ברענט.
די ברעגן טריפֿן בלוט.
דער דונער קנאַלט.
גלייך ווי אַ שטויב צום הימל
שטייגן זיילן רויך
און וואָלקנס קייקלען זיך
אין פֿלאַמען אויפֿ׳ן באָדן,
און טורעמס טראָגן זיך,
ווי בלעטער אין דער הויך.
דאָס ציט זיך ניט פֿאַרביי
קיין שוואַרצע וועלט לויה!
מען טראָגט קיין מתים ניט
פֿאַר אייך אין שטיל געוויין!
דאָס שוועבן צען מיליאָן
צעיאָגטע רויטע אָדלער,
ווי פֿלאַמענדיגע וואָלקן
אויפֿגעקנוילט געדיכט.
דאָס שוועבן צען מיליאָן,
דערוואַכטע קברים ברידער,
ווי ראַבֿע באַטאַליאָנען
צו דעם וועלט געריכט.
דאָס שוועבן צען מיליאָן

אַ שרעקליך חוב צו מאָנען,
אַ חוב פֿון בלוט און פֿלייש
און העלע יונגע יאָרן.
ווי גרוים דאַרף זיין דער האַס!
ווי שטורעמדיג דער צאָרן,
געטורעמט הויך אין בערג,
ווי אַ צעיאָגטער ים!
ווי שויערליך די שטראָף!
ווי הערליך די נקמה,
וואָס פֿלאַקערט איבער זיי
גלייך ווי אַ הייליגער פֿלאַם!

## IV

האַלבע נאַכט.
פֿעלד און ווינט.
וואָלקנס ציען,
גלייך, ווי מחנות פֿויגל בלינד.
וויסטע ווייטן.
זאַמדיגע בערגלעך.
טויטע שטעט אויף טויזנט מייל.
אייסגעשפּרייט אויף אַלע זייטן,
לאַגערט אַ מיליאָנען חיל.
ניט קיין אָטעם, ניט קיין וואָרט,
ניט געשלאָפֿן, ניט געוואַכט,
יעדער זעלנער אויף זיין אָרט
שטאַרט און וואַרט די האַלבע נאכט.
האַלבע נאַכט.
די ווייטן ברומען —
עס האָט די שעה געשלאָגן באַנג.
האַלבע נאַכט.. אין תהוים אין שטומען
פֿאַלט אַנ׳עכאָ פֿון אַ קלאַנג:
וויגט זיך אום,
וויגט זיך אום,
ווי אַ לעצטער לייבן ברום,
הויבט זיי אויף און פֿאַלט אַנידער,
וועקט און שרעקט דאָס פֿעלד אַרום;
עפֿענט אויף די שטילע גריבער,





דרינגט אַריינעט אומעדום.
שאַלט אין שוואַרצן קבר שווייגן,
טרייסעלט אויף די טויטע ביינער,
און די מתים נעמען שטייגן,
ווי די קראָטן
פֿון די שטיינער,
ווי די שאָטן
פֿון די קברים,
קומען אָן פֿון אַלע זייטן:
ווער צופֿוס און ווער צורייטן
אויף זיין טויטן ביינער פֿערד,
ווער עס טראָגט דעם קאָפּ אין אָרם,
ווער אין ברוסט אַ טעמפּן שווערד.
ווי די גרעזער פֿון דער ערד,
וואַקסן זיי געדיכט, געדיכטער,
אַלץ די זעלביגע געזיכטער:
ווייסע קנאָכן, שוואַרצע לעכער,
איינער ענלעך צו דעם צווייטן,
ווי אַ יבאַרבן צו אַ שאַרבן
ווי אַ טויטער צו אַ טויטן.
גלייך, ווי קנוילן, קנוילן פֿליגן
אין אַ הייסן שווערן טאָג,
הויבן זיי זיך אויף און וויגן
לאָזן זיך צוריק אַראָב.
זאַמלען אויף זיך און צעשפּרייטן,
פֿילען אָן דעם גאַנצן רוים,
קייקלען זיך אין אַלע גאַסן,
שטייען אונטער אַלע פֿענסטער,
קנאַקן מיט די האַרטע ביינער
יעדן שלאָפֿינגן אין טרוים.
טריק טראַק, טריק טראַק...
אין די ליידיגע קאַפּעען,
אין די קירכן און שפּיטעלער,
אין פֿאַבריקן אין געשעפֿטן,
אין די שולן און געריכטן,
נאַכט אַזילן, טאַנצן זאַלן

פֿרויען=הייזער, וויין=לאָקאַלן,
אומעדום אין אַלע ווינקלען
גייט דער מתים קאַראַהאָד.
שפּרייט מיט גראָע אומעט נעצן,
קברים=לופֿט און גסיסה=יאוש,
מידיקייט פֿון טויטע גלידער
און דעם פּוסטן שאַרבן=שפּאָט.
טריק טראַק, טריק טראַק...
אויף די טרעפּ און אין די שטיבער
טאַנצן געסט פֿון קאַלטע גריבער,
טאַנצן געסט פֿון שוואַרצן סוד.
ווער עס האָט אַ טויטן חתן,
ווער אַ טאַטן, ווער אַ מאַן,
אַלע, אַלע, וועלכע טראָגן
אויף די פּלייצעס קברים=לאַסט.
יעדן, יעדן אין דער פֿינסטער
ווינגט זיך אויף די טרעפּ זיין גאַסט.
טריק טראַק, טריק טראַק...
אויסגעלאָשן אַלע פֿלאַמען!
נישט קיין ראַכע, נישט קיין שטראָף,
איבער אלעמען צוזאַמען
מתים=טאַנץ און וויסטער שלאָף,
ביז דער טאָג וועט קומען ווידער,
קנאַקן טויט די האַרטע גלידער
און עס קלינגט דאָס טויטן=ליד:

„טריק=טראַק, טריק=טראַק...
ווער גייט שנעל אין קאַראַהאַד?
איינער איז ביי אונז ניטאָ!
אַלעס ענדיגט זיך אויף גראָד:
גומער טויזענט, טויזענט צען,
הונדערט טויזענט, און מיליאָן.

„טריק=טראַק, טריק=טראַק...
נעמט זיך אַלע פֿאַר די הענט!
ווער עס האָט זיי,





און ווער ניט —
דער זאָל טאַנצן אין דער מיט.
רעגימענט ביי רעגימענט!
באַטאַליאָן ביי באַטאַליאָן!"

„טריק טראַק, טריק טראַק...
פֿרעגט ניט קיינעם ווער ער איז,
פֿריינט צי שונא, אָרים, רייך —
אַלע זיינען ביי אונז גלייך:
קיינער האָט זיין גרוב געוואוילט
און די וואונדן ניט געציילט.
קברים=ברידער זיינען מיר,
נומערן, וואָס קיינער קאָן."

„טריק=טראַק, טריק=טראַק...
קנאַקט די ביינער אינ'ם טאַנץ!
מיט אַ קאָפּ, צי אָהן אַ קאָפּ —
פֿאַר'ן טויט איז אַלעס גאַנץ.
העי, קאַפּעליע, גיט דעם טאָן,
הויבט דעם טויטן ניגון אָן:"

„איר די קריצער פֿון די ציין,
איר די ווערגער פֿון געוויין,
כאָרכלער אינם אייגן בלוט,
יאָמער אין דער לעצט=מינוט,
פֿויסטן=פּויק און וויי=געשריי,
שטעלט זיך אַלע אין איין ריי!
ווער אַ מוטער קלאָג עס קאָן,
זאָל זיך שטעלן אויבן אָן!"

„טריק=טראַק, טריק=טראַק...
שנעלער, איבער שטאָט און דאָרף,
איבער וואַלד און איבער פֿעלד.
אונזער טאַנץ=זאַל איז די וועלט!
העי, מאַכט ברייטער ברייט די ראָד,
ביז עס קרייט דער רויטער האָן!"